**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/5/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון דינאמישע LED באלייכטונג ביי עמפייער סטעיט פלאזא

***נייע ענערגיע-שפארעדיגע באלייכטונג סיסטעם אנטפלעקט ביי האָלידעי בוים באלייכטונגטוט אויפלייכטן עמפייער סטעיט פלאזא אין האָלידעי קאלירן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון א LED באלייכטונג פראיעקט איבער אלע געביידעס ביי עמפייער סטעיט פלאזא וואס וועט ערמעגליכן פאר'ן פלאזא צו ווערן דינאמיש געפארבט אויף ספעציעלע פארקומענישן. דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס (OGS) און דער ניו יארק סטעיט פּאַווער אויטאָריטעט (NYPA) האבן זיך אנגעשלאסן אינאיינעם צו פארענדיגן די אינסטאלאציע פון איבער 360 אויסערליכע LED באלייכטונגען מיט נייע קאליר-ענדערנדע טעכנאלאגיע וואס וועט טראנספארמירן די פלאזא'ס אייגנארטיגע ארכיטעקטור אויף אויג-פארכאפנדע פייערונגען דורכאויס דעם יאר. די נייע ענערגיע-שפּאָרעדיגע באלייכטונגען וועלן זיך אנהויבן פאר'ן פובליק שפעטער היינט ביי דעם עמפייער סטעיט פלאזא יערליכע [האָלידעי בוים אנצינדן צערעמאניע]() אום 5:15 נאכמיטאג.

"עס פריידט מיך צו מעלדן דער פארענדיגונג פון דער דערהייטערנד באלייכטונג פארשטעלונג אין הארץ פון אונזער סטעיט קאפיטאל, פונקט אין צייט פאר דער בוים באלייכטונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די בוים באלייכטונג און די גרעסערע פארענדיגטע באלייכטונג פראיעקט זענען סימבאלן פון האפענונג און אפטימיזם נאך א שווערע אנדערטהאלבן יאר, און שפיגלען אפ אונזער סטעיט'ס אנטשלאסנקייט צו א גרינערע און מער שפארעוודיגע צוקונפט."

די אויסערליכע באלייכטונג איז א טייל פון א באלד 16 מיליאן דאלערדיגע אויספירליכע LED באלייכטונג פראיעקט ביי דער פלאזא וואס איז גע'סקעדזשיול'ט פארענדיגט צו ווערן אום 2023. NYPA, וואס פינאנצירט און פירט אייך דעם פראיעקט, קאארדינירט מיט OGS אויף דאס ערזעצן פון איבער 95,000 באלייכטונגען איבער אלע געביידעס אין דעם פלאזא מיט נייע LED באלייכטונגען. דער איניציאטיוו שטיצט דירעקט די סטעיט'ס צילן פאר א גרינער עמפייער סטעיט פלאזא און די צילן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט דורך מערן דאס באניץ פון ענערגיע-שפּאָר-מיטלען און צו רעדוצירן עלעקטריציטעט יערליך מיט דריי פראצענט — דאס גלייכן ווי 1.8 מיליאן ניו יארקער הויזגעזינדער — ביז 2025.

**OGS עקטינג קאמישענערין דזשענעט מאווי האט געזאגט,** "דער יערליכער האָלידעי פעסטיוועל ביי דער עמפייער סטעיט פלאזא איז דער פערפעקטער געלעגנהייט אויפצודעקן א נייע LED אינדרויסנדיגע באלייכטונג סיסטעם. עס וועט רעדוצירן ענערגיע באניץ מיט לכל הפחות 85 פראצענט און באלייכטן די ארכיטעקטורעלע אייגנארטיגע געביידעס ביי דעם פלאזא אין שטוינענדע קאלירן. די נייע באלייכטונגען וועלן זיין א מערקווירדיגע צוגאב צו דעם אלבאני סקיילייין פאר דעם פארקומעניש און צוקונפטיגע

ספעציעלע פארקומענישן. איך שטאלציר מיך מיט דאס וואס OGS און NYPA טוען אויפטון אינאיינעם אויף צו בויען א גרינערע און מער שטאנדהאפטיגע ניו יארק סטעיט."

**NYPA אינטערים פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** "NYPA און OGS פירן איין אן אויספירליכע ענערגיע טראנספארמאציע ביי עמפייער סטעיט פלאזא דורך אנטוויקלען באדייטנדע רעמאָוט סאָלאַר פראדוצירונג, ענערגיע-שפארעדיגקייט און באפעסטיגונג פראיעקטן פאר די טובה פון דעם קאמפלעקס, און עס פריידט אונז זייער צו פארענדיגן דעם נייעם LED באלייכטונג סיסטעם באצייטנס פאר די יערליכע בוים באלייכטונג און האָלידעי סעזאן. די לעמפלעך האבן די מעגליכקייט פון דינאמיש אויפלייכטן די געביידעס אינערהאלב דעם פלאזא צו זיין איינקלאנג מיט די פארשידענע פייערונגען דורכאויס דעם יאר."

אום סעפטעמבער 2019, האבן NYPA און OGS פארענדיגט אן אפשאצונג פון ענערגיע אפציעס פאר עמפייער סטעיט פלאזא דורך א ריי טעכנישע איבערבליקן, קאמיוניטי אויסהער סעסיעס, און זיצונגען מיט איינוואוינער אסאסיעשענס פון דעם געגנט. דער אנטוויקלטער אויספירליכער פלאן, וואס נעמט אריין דעם LED באלייכטונג אפגרעיד, באשטייט פון די צוגעלייגטע איניציאטיוון:

- אנטוויקלונג איז אונטערוועגנס אויף א מער ווי 30-מעגוואַט [רעמאָוט סאָלאַר ענערגיע אויסשטעל אריי] אין אריסקאני וואס וועט באזארגן ביז האלב פון דער פלאזא׳ס ענערגיע געברויכן.
- קאנסטרוקציע איז אונטערוועגנס אויף א באלד 30-מיליאן דאלערדיגע עלעקטריזירונג אפגרעיד צו איינע פון אויפ׳ן פלאץ סטים-גענטריבענע טשילערס צו רעדוצירן ארטיגע גאז באניץ און עמיסיעס ביז 18 פראצענט. דער פראיעקט איז ערווארטעט פארענדיגט צו ווערן קומענדן יאר.
- איינפירונג איז אונטערוועגנס אויף דער 60-מיליאן דאלערדיגע ערזעצונג פון די עקזיסטירנדע אויפ׳ן פלאץ עמערדזשענסי דזשענערעיטערס מיט טעכנאלאגיש פארגעשריטענע ענערגיע-שפאָרעדיגע, וויניג-עמיסיע און שטילע יוניטס. דער פראיעקט איז ערווארטעט פארענדיגט צו ווערן אינערהאלב צוויי יאר.
- דער אלטער, אומבאניצטער שטאָל קוימען ביי דער געוועזענער ׳ענסערס׳ פאבריק איז צעווארפן געווארן.
- אין צוגאב האבן OGS און NYPA פלענער אנצוהויבן אן [אויספירליכע ענערגיע איבערזיכט] פון דעם פלאזא צו באשטימען וועלכע ווייטערדיגע שריטן און פראיעקטן זאלן איינגעפירט ווערן.

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פריער-אומדערהערטער אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן דאס שאפן פון זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 21 ביליאן דאלער אין 91 גרויס-פארנעמיגע ענערגיע-איבערניץ פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, מער ווי 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.2 ביליאן דאלער אין

NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען איבער 150,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2019, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביים יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990 שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו אומפארגינסטיגטע קאמיוניטיס, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-עפעקטיווער ציל אויף צו רעדוצירן אנ-סייט ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

דער אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס (OGS) איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 1960 צו באזארגן נויטיגע שטיצע סערוויסעס פאר די אפעראציעס פון סטעיט רעגירונג. זינט דעמאלס איז OGS באדייטענד געוואקסן אין פארנעם און קאמפליצירטקייט. היינט איז OGS א פארשידנמיניגע ארגאניזאציע וואס באזארגט א ברייטע ריי סערוויסעס צו סטעיט אגענטורן, ארטיגע רעגירונגען, און דעם פובליק.

NYPA איז דער גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, און וועלכער אפערירט 16 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,400 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבל היידראָ-פּאַווער. NYPA ניצט נישט קיין שום געלט פון טעקסעס אדער סטעיט קרעדיט. אירע אפעראציעס ווערן פינאנצירט דורך דאס פארקויף פון באנדס און איינקונפט פארדינט אינגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע באזוכט www.nypa.gov און פאלגט אונז נאך אויף טוויטער ביי @NYPAenergy, פעיסבוק, אינסטאגראם, טאַמבלער און לינקד-אין.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418